LES CAHIERS YIDDISH
Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ייִדישע העפטן



59-60

Alain KLEINMANN : "ERRANCES" אַלען קליינמאַן (פּאַריז) : "וואָגלענישן"

Techniques mixtes sur papier. Paris 2005.

מאַי 1948 • 60 יאָר מדינת-ישראל • מאַי 2008

n° 125

MAI 2008 מאַי

prix : 5 euros

Revue diffusée avec l'aide de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# יידיש אין אויסטראַליע

**אינטערוויו מיט אַלעקס דאַפּנער**



(פּרעזידענט פֿון "קדימה" קולטור צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק לייטער פֿונעם יידישן ראַדיאָ פּראָגראַם אויף SBS Radio גרינדער און לערער פֿונעם יידיש מאַטורע לימוד אין מעלבורן אויסטראַליע)

**מאַקס קאָהן:** ווער זײַט איר און וואָס איז אײַערע געשיכטע? ווי אַזוי זײַט איר דאָ אין אויסטראַליע?

**אַלעקס דאַפּנער:** קודם-כל אַ דאַנק פֿאַר אײַנלאַדן מיך צו פֿאָרשטעלן זיך פֿאַר אײַערע לייענער. איך בין אַ 59 יאָריקער וועלטלעכער ייד, געבוירן אין לאָדזש, פּוילן אין 1949, צו וועלטלעכע יידיש רעדנדיקע לאָדזשער יידן, וואָס האָבן איבערגעלעבט די צווייטע וועלט מלחמה אין רוסלאַנד. אין לאָדזש בין איך געגאַנגען אין דער י.ל. פּרץ שול וואו מען האָט געלערנט יידיש ווי די צווייטע שפּראַך. כ'האָב פֿאַרלאָזט פּוילן מיט מײַנע עלטערן אין 1959 און מיר זײַנען געפֿאָרן קיין מעלבורן, אויסטרליע, צו בויען אַ בעסער, רואיקער לעבן, אַוועק פֿון די מלחמות און סכּנות אין אייראָפּע אונעם מיטעלן מזרח. באַלד נאָכן אָנקומען דאָ האָב איך אָנגעהויבן גיין אין דער "סקיפּ-צוקונפֿט" יוגנט באַוועגונג פֿונעם "בונד" און אין דער שלום-עליכם צוגאָב-זונטיק שול, צו לערנען זיך ווייטער יידיש און יידישע געשיכטע, א.אַ.וו. שפּעטער בין איך געוואָרן אַ פֿירער בײַם סקיפּ-צוקונפֿט, געווען אַ מיטגרינדער פֿונעם מעלבורנעם יידיש יוגנט טעאַטער בײַ דער "קדימה", געענדיקט אוניווערסיטעט און קוואַליפֿיצירט ווי אַ לערער אין הויך שול. נאָך צוויי יאָר לערנען בין איך אַרויסגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן און באַזוכט ערטער אין אייראָפּע און ישראל און אָנגעפֿאַנגען אַ מאַגיסטער קורס אויפֿן העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים אין 1975. באַטייליקט זיך ווי אַ יוגנט דעלעגאַט אויף דער היסטאָרישער יידישער וועלט קאָנפֿערענץ אין ירושלים אין 1976. צוריק קיין לאָנדאָן און געאַרבעט און געלערנט, צוריק-קומענדיק קיין מעלבורן אין 1980. ווידער פֿאָרגעזעצט מיט דער יידישער טעטיקייט אין דער שלום עליכם שול און אין יידישן טעאַטער בײַ דער "קדימה".

**מאַקס קאָהן:** וואָס טוט איר אין שייכעס מיט יידיש?

**אַלעקס דאַפּנער:** זינט 1980 און ווי פּריער דערמאָנט, בין איך פֿאַרבונדן מיט דער "קדימה" יידישער קולטור צענטער, אַלס טוער, קאָמיטעט מיטגליד און זינד 1995 אַלס פּרעזידענט פֿון דער חשובער אינסטיטוציע. זעט: www.kadimah.org.au במשך פֿון די לעצטע 28 יאָר אַרבעט איך אויך אויף דער אויסטראַלישער מולטישפּראַכיקער SBS ראַדיאָ סטאַנציע אַלס פּראָדוצענט און פּרעזענטירער פֿון יידישע ראַדיאָ אוידיציעס. היינט בין איך דער לייטער פֿון די יידישע פּראָגראַמען, וועלכע קענען געהערט ווערן צוויי מאָל אין דער וואָך איבער גאַנץ אויסטראַליע און איבער דער וועלט דורך דער אינטערנעט אויף:
http://www.radio.sbs.com.au/language.php?language=Yiddish

מיט דריי יאָר צוריק נאָך דעם ווי די אַביטוריענטן פֿון דער שלום-עליכם שול האָבן זיך געוואָנדן וועגן אַ יידיש מאַטורע קורס, האָב איך צוזאַמען מיט אַנדערע לערערס צוגעגרייט אַ קוריקולום. דער לערן פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן דורך די היגע בילדונגס אויטאָריטעטן, און איך האָב אַנטוויקלט, צוזאַמענ-געשטעלט און אָנגעשריבן דעם סילאַבוס\קורס און אָנגעהויבן לערנען די ערשטע קלאַסן אין צוויי יידישע שולן. דער קורס איז געווען דערפֿאָלגרייך און האָט עטאַבלירט יידיש ווי אַ מאַטורע לימוד גלײַך מיט אַלע אַנדערע שפּראַכן. היינט לערן איך ווייטער צוויי קלאַסן און עס זענען שוין פֿאַראַן קליינע יידיש

קלאַסן אין פֿינף היגע ייִדישע שולן. מען קען זען דעם ניוואָ פֿון ייִדיש בײַ די שילער דורך זייערע אינטערנעט זייטלעך\צײַטשריפֿטן, "די יונגע גוואַרגיע", זעט:

http://home.iprimus.com.au/kadimah/gvardie.htm

און "ייִדיצײַט" זעט: http://www.yidtzayt.com.au/

**מאַקס קאָהן:** וואָס איז לויט אײַער מיינונג די סיטואַציע פֿון ייִדיש אין אויסטראַליע הײַנט און אין דער וועלט בכלל? צי איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן מעלבורן און סידנעי?

**אַלעקס דאַפֿנער:** די ייִדישע באַפֿעלקערונג דאָ איז צעטיילט כּמעט העלפֿט אויף העלפֿט אינגאַנצן צווישן מעלבורן און סידנעי. די מערהייט פֿון די מעלבורנער ייִדן שטאַמען פֿון פּוילן, ליטע און רוסלאַנד, הגם אין סידנעי זענען פֿאַראַן פֿיל מער אונגאַרישע, דײַטשישע און ענגלישע ייִדן. מעלבורן פֿאַרמאָגט אומגעפֿער 85% פֿון די בערך 2000 ייִדיש רעדנער פֿון אויסטראַליע הײַנט צו טאָג, כאָטש פֿיל מער פֿון די בערך 100,000 אויסטראַלישער ייִדן פֿאַרשטייען און רעדן אַ ביסעלע מאַמע-לשון. ייִדיש רעדנער האָבן אָנגעהויבן קומען אַהער נאָך דער גאָלד פֿיבער תּקופֿה פֿון די 1850-קער יאָרן, און אין 1908 האָט שוין דאָ געשפּילט אַ ייִדישער טעאַטער טרופּע. די "קדימה" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1911. די ערשטע ייִדישע צײַטונג "די ייִדישע נייעס" איז אַרויס אין 1937 און דאָס ערשטע בוך, "דער ייִדישער אויסטראַלישער אַלמאַנאַך" אַ יאָר שפּעטער. די ערשטע ייִדישע צוגאָב שול איז געגרינדעט אין 1938. נאָך דער קריג זײַנען דאָ אָנגעקומען פֿיל מער פֿון די געבליבענע פֿון די חורבן און פּליטים פֿונעם סאָוויעטן פֿאַרבאַנד. מעלבורן האָט פּראָפּאָרציאָנעל געהאַט מער לעבנס געבליבענע ייִדן ווי וואו עס איז נישט געווען, אַ חוץ ישׂראל. די נײַ אָנגעקומענע ייִדן האָבן זיך באַלד פֿאַרבונדן מיט די עגזיסטירנדיקע ייִדישע צענטערס ווי די "קדימה" און געשאַפֿן נייע אינסטיטוציעס. די טאַלאַנטירטע און נײַגעריקע ייִדישע קינסטלער, פּען מענטשן, לערער און פֿאָלקס מענטשן האָבן מיט אַ ברען אויפֿגעלעבט דעם ייִדישן טעאַטער צו אַ הויכע מדרגה, אַרויסגעגעבן ביכער, צײַטונגען, צײַטשריפֿטן, אויפֿגעבויט ייִדישע שולן, אַרײַנגערעכנט די שלום-עליכם עלעמענטאַר שול די איינציקע ייִדיש-ייִדישע שול אין אויסטראַליע, זעט: http://www.sholem.vic.edu.au/. מיט דער צײַט איז דער צווייטער און דריטער דור פֿון די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור טוער איבערגעטראָגן זייער טעטיקייט פֿאַרהעלטנישמעסיק אויף דער ענגלישער שפּראַך, כאָטש עס איז פֿאַרבליבן אַ שטאַרקע סימפּאַטיע און ליבשאַפֿט צו ייִדיש. די סיטואַציע מכּוח ייִדיש איז אַ צאַנקענדיקע, עס פֿלאַקערט און עס גליט, אָבער דער פֿלאַם ווערט וואָסאַמאָל שוואַכער. דער דור פֿון אומקום און אויפֿקום גייט אַוועק אין דער אייביקייט, און מיט אים די טאָג-טעגלעך גערעדטע ייִדישע שפּראַך. ייִדיש דאָ און אומעטום דאַכט זיך גייט אַריבער צו די העכערע פֿענסטער פֿון אַ שטודיר שפּראַך און קולטור. נישט לאַנג צוריק איז דאָ אויך געשאַפֿן געוואָרן אַ ייִדיש-קורס אויפֿן מאָנאַש אוניווערסיטעט און סידנעי אוניווערסיטעט האָט שוין אַ ייִדיש ליטעראַטור קורס במשך עטלעכע יאָר. עס איז דאָ אָבער בלויז אַ קליינע צאָל סטודענטן אויף די קורסן.

**מאַקס קאָהן:** ווי אַזוי זעט איר די צוקונפֿט פֿון ייִדיש?

**אַלעקס דאַפֿנער:** די צוקונפֿט פֿון ייִדיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך איז ווײַט נישט פֿאַרזיכערט. ייִדיש וועט בלײַבן דאָ ווי דער הינטערשטער טאָן, אַ מין פֿאַרבאָרגן קול פֿון דער קהילה. פֿיל ייִדן האָבן גערן צו באַווײַזן זיך מיט זייער ייִדישקייט און צו אַרײַנוואַרפֿן אַ פּאָר ווערטער, אַ שפּריכוואָרט, אַ ייִדישן זיפֿץ. ווייניק אָבער ווילן קענען די שפּראַך אין איר טיפֿקייט, ברייטקייט, שיינקייט און רײַכקייט. עס וועלן פֿאַרבלײַבן די ענצעלע ממש פֿאַרליבטע אין מאַמע-לשון, ווי אומעטום. צי דער אולטראַ-אָרטאָדאָקסישער סעקטאָר אין אַמעריקע און ישׂראל וועט ווידער ווערן אַ קוואַל פֿון שעפֿערישקייט פֿון ייִדיש ווי אַמאָל אין מזרח אייראָפּע? דאָס קען מען נישט דערוואַרטן. די ספּעציפֿישע אומשטענדן און פֿיל סיבות פֿאַרוואָס דאָס האָט פּאַסירט זענען מער נישט פֿאַראַן. אָבער עס איז זייער וויכטיק אָנצוגיין מיט די קליינע ייִדישע צענטערס, קורסן, אויסגאַבעס, פֿאָרשונגען, קאָנצערטן, טעאַטער שפּילן, פֿעסטיוואַלן, קלעזמער און פֿאָלקס און קונסט רעקאָרדירונגען, ווערבזײַטלעך, וואָס לאָזט זיך נאָר. ווי זאָגט מען: ייִדן לעבן מיט נסים... מען האָט שוין געזען גרעסערע נסים, איז לאָמיר אָנגיין מיט דער אַרבעט און נישט ווערן דערשלאָגן צוליבן שווערן מצבֿ פֿון אונדזער טײַערער שפּראַך. איך באַגריס אײַער חשובֿן זשורנאַל און די חשובֿע און טײַערע לייענער.